Publié par
l'Association pour
l'Étude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-לימוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

חשון תּשס״א/נאָוועמבער 2000

יאָר 6 , נומער 1 (26)

# ייִדישער אָפּטימיזם

כּדי צו ווײַזן אַז אַשכּנזישע[1] ייִדן קענען זײַן אָפּטימיסטן, האָט די רעדאַקציע באַשלאָסן אין דעם דאָזיקן נומער גאָרנישט צו זאָגן וועגן אַלע שלעכטע נײַעס : מיר וועלן נישט דערמאָנען קלימאַט־ענדערונגען, מיר פֿאַרשטאָפּן זיך די נעז בײַם ברעג ים[2] נישט צו שפּירן די טאָקסישע נאַפֿט־ און כעמיקאַליעס־פֿאַרפֿלייצונגען[3], פֿאַרמאַכן די אויגן אויף די פּאָליטישע סקאַנדאַלן און פֿאַרהאַקן די אויערן קעגן די רעדעס, דעבאַטעס און סתּם פּלאַפּלערײַ[4] פֿון אַלע פּאָליטיקערס. מיר פּרוּוון אויסמײַדן די שרעקלעכע געשעענישן אין ישׂראל, מיר מאַכן אַוועק מיט דער האַנט די „דאָפּירטע[5] ספּאָרטסמענער", גלייבן אַז פּריאָנען[6] האָבן פֿײַנט כּשרע[7] קי און אַנטקעגן די שטאַרקע וואַקלענישן פֿון דער בערזע בלײַבן מיר אַזוי „זען" ווי אַ בודיסט.

מיר וועלן מאַכן פֿונעם *טעם־טעם* אַ צײַטשריפֿט פֿון „גליקלעכע אַקטואַליטעטן"[8]. דערפֿאַר וועלן מיר אַרויסשיקן אונדזערע בעסטע פּאַפּאַראַצי אויסצופֿאָרשן אַלץ וואָס אירווילט נאָר וויסן וועגן גבֿירים[9] און יחסנים[10], ליבע־געשיכטעס פֿון ייִדישע פּרינצעסינס, חתונות[11] פֿון פּרינצן און בריתן[12] פֿון זייערע קינדער. מיר קענען אײַך שוין אָנזאָגן אַ „סקופּ" : בערטראַנען, אונדזער קאָמפּיוטער־עקספּערט, און זײַן ווײַב קאַרין איז געבוירן אַ מיידעלע (מזל טובֿ !). און נאָך צוויי גוטע בשׂורות[13] : דאָס נײַע יאָר תּשס״א[14] איז טאַקע אָנגעקומען (לאָמיר ניט וויסן פֿון ערגערס !) און די ייִדישקורסן האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן (זאָל זײַן מיט הצלחה[15] !).

טאָ האָט זשע אַלע אַ גוט יאָר – און לאָמיר בלײַבן אָפּטימיסטיש...

1. ASHKENAZISHE 2. YAM mer/sea 3. marées noires et pollution chimique/toxic oil and chemical spills 4. STAM... simple bla-bla/just plain babbling 5. dopés/drugged 6. prions (agents de la maladie de la vache folle)/prions (agents that cause mad cow disease) 7. KOSHERE cachères/kosher 8. la devise d'un magazine mondain français/the motto of a French «people» magazine 9. GVIRIM רײַכע 10. YAKHSONIM אַריסטאָקראַטן 11. KHASENES mariages/weddings 12. BRISN circoncisions/circumcisions 13. PSURES נײַעס 14. l'année 5761 écrite selon le système traditionnel de numération; prononcé TASHSA/the year 5761 written according to the traditional numbering system; pronounced TASHSA 15. HATSLOKHE succès/success.



## פֿאַר אָנהייבערס

דאָס יאָר האָט זיך דער ערשטער נומער פֿון *ייִדישן טעם־טעם* אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט[1]. אָבער ס'זעט אויס אַז פֿאַרשפּעטיקן זיך איז אין דער מאָדע – אַפֿילו[2] די פֿאַראייניקטע שטאַטן[3] האָבן זיך דאָס יאָר פֿאַרשפּעטיקט מיט אויסוויילן[4] זיך אַ פּרעזידענט ! אַזוי אַרום[5] רעדן אַלע וועגן די אַמעריקאַנער וואַלן[6]. אויב איר ווילט רעדן וועגן וואַלן אויף ייִדיש, וועט איר דאָ געפֿינען אַ פּאָר נייטיקע[7] ווערטער :

| | | |
|---|---|---|
| די וואַלן | די קאַדענץ[9] | די ציילונג[14] |
| די פּאַרטיי | דער וויילער[10] | האַנטציילונג/קאָמפּיוטער־ציילונג |
| דער קאַנדידאַט | שטימען[11] | ציילן (איבערציילן) |
| קאַנדידירן[8] | די שטים פֿאַר/קעגן | ווײַטער ציילן |
| דער פּרעזידענט | די אורנע (דער שטימקאַסטן)[12] | נאָך אַ מאָל ציילן |
| דער וויצע־פּרעזידענט | דער שטימצעטל[13] | |

פֿלאָרידע : איינער פֿון די 50 שטאַטן, וואָס האָט זון, זאַמד, פּאַלמען און 25 שטימען אין דעם „עלעקטאָרן־קאָלעדזש"

טאַלאַהאַסי : אַ פֿאַרשלאָפֿן שטעטל וואָס איז איבער נאַכט[15] געוואָרן די וויכטיקסטע שטאָט אין אַמעריקע

1. est un peu en retard/is a little late 2. AFILE même/even 3. Etats-Unis/United States 4. élire/elect 5. de ce fait/for this reason 6. élections 7. utile/useful 8. se présenter/stand (run) for office 9. mandat/term of office 10. électeur/voter 11. voter/to vote 12. urne/ballot box 13. bulletin de vote/ballot 14. comptage/counting 15. du jour au lendemain/overnight.

# ייִדיש ? ייִדיש !

*„ייִדיש ? ייִדיש !“ איז געווען דער טיטל פֿון אַ רײַכער און אַרומנעמיקער[1] פּראָגראַם דורכגעפֿירט דורך דעם פּאַריזער מוזיי פֿאַר ייִדישער קונסט און געשיכטע. דער סעזאָן, וואָס האָט געדויערט פֿון 4טן יוני ביז 9טן אָקטאָבער, איז באַשטאַנען פֿון אויסשטעלונגען, קאָנצערטן, אַ סעריע פֿילמען און אַ סימפּאָזיום, אַלץ אין שייַכות[2] מיט דער ייִדישער קולטור.*




**אָ**נהייב יוני האָבן ייִדיש־ליבהאָבערס (און אַ סך אַנדערע פּאַריזער) געהאַט דאָס נחת[3] צו זען ווי עס צעבליִען זיך[4] אומעטום פֿאַרביקע פּלאַקאַטן וואָס האָבן אָנגעזאָגט די קומענדיקע פּראָגראַם.

זיי האָבן פֿאָרגעשטעלט אין די קאָלירן פֿון רעגנבויגן פֿינף כּלי־זמרים[5] וואָס שטייען מיט זייערע אינסטרומענטן צווישן צוויי שורות[6] ייִדישע און לאַטייַנישע אותיות[7] וואָס שפּרינגען ממש[8] אַרויס פֿון דער וואַנט. דאָס בילד רופֿט אַרויס[9] זייער בולט[10] די צוויי הויפּטשטריכן[11] פֿון דער פּראָגראַם : נאָסטאַלגיע און דינאַמיזם.

די ייִדישע מוזיק האָט טאַקע פֿאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין די אַקטיוויטעטן פֿון דעם סעזאָן. אין דער מעדיאַטעק פֿונעם מוזיי האָט דער עולם געקענט זיך צוהערן צו דער ייִדישער מוזיק און זיך באַקענען מיט דער רייַכער כּלי־זמר־טראַדיציע.

אויפֿן פּאַרטער[12] איז געווען אויסגעשטעלט אַן אויסער־געוויינטלעכע קאָלעקציע פֿון ייִדישע פּאָסטקאַרטלעך פֿון מיטל־ און מיזרח[13]־אייראָפּע. מע גייט אַרייַן אין אַ טונקעלן זאַל ווו עס ווייַזן זיך אויף די ווענט דיאַפּאָזיטיוון[14] פֿון די קאַרטלעך אין אַ גרויסן פֿאָרמאַט. איינגעטונקען[15] אין די דאָזיקע בילדער ווי אַ רייַזנדער אין אַ נייַעם לאַנד איז מען צוגעגרייט אַרייַנצוטרעטן מיט אַ פֿאַרפֿייַנערטן[16] קוק אין דער מיניאַטור־וועלט פֿון די פּאָסטקאַרטלעך. וווּנטשקאַרטלעך, רייַזעגרוסן, בילדער פֿון טאָגטעגלעכן לעבן, היסטאָרישע סצענעס, קונסט, ליטעראַטור : אַ גאַנצע ציוויליזאַציע באַווייַזט זיך אין די קליינע בילדער ווי דער גאַנצער ים אין איין טראָפּן וואַסער.

אַן אַנדער אויסשטעלונג, די ייִדישע פּלאַקאַטן פֿון צווישן־מלחמהדיקן[17] פּוילן, זאָגט אַוודאי עדות[18] אויף אַ פֿאַרשווּנדענער וועלט אָבער ווייַזט אויך אַז די דאָזיקע געזעלשאַפֿט איז געווען אַ פֿיל־מיניקע[19] און האָט געלעבט אין אַ קולטורעלן און פּאָליטישן אויפֿברויז[20]. אין דעם קאַמף פֿאַר אַ בעסער לעבן האָט מאַמע־לשון געטראָגן נייַע אידעען אויף כּלערליי[21] געביטן : רעליגיע, היגיענע, ספּאָרט, קונסט, פּאָליטישע וואַלן־קאַמפּאַניעס, פֿעמיניזם, ציוניזם...

## אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער
## אַ כּישוף־לאַמטערן...

אָט דעם דינאַמיזם פֿון דער ייִדישער קולטור האָט דער קינסטלער שׂימחה[22] שוואַרץ געוואָלט אויפֿהאַלטן נאָכן חורבן[23]. ער האָט געגרינדט אין פּאַריז אַ ייִדישן מאַריאָנעטן־טעאַטער וואָס האָט געהייסן *הקל־בקל*[24]. דער מוזיי האָט צונויפֿגעקליבן בילדער און דאָקומענטן וואָס דערציילן זייַן געשיכטע, ווי אויך די אָריגינעלע דעקאָראַציעס און ליאַלקעס[25] (זעט אינטערוויו ז׳ 4).

1. complet/comprehensive 2. SHAYKHES relation 3. NAKHES plaisir/pleasure 4. fleurissent/bloom 5. KLEZMORIM musiciens/musicians, *sing.* כּלי־זמר KLEZMER 6. SHURES lignes, rangées/lines, rows 7. OYSYES lettres/letters 8. MAMESh littéralement/literally 9. évoque/evokes 10. BOYLET clairement/clearly 11. principaux traits/main features 12. rez-de-chaussée/ground floor 13. MIZREKh est/east 14. slides 15. immergé/immersed 16. aiguisé/sharpened 17. ...-MILKHOMEDIKN entre les deux guerres/between the two wars 18. ... EYDES עדות זאָגן témoigner/bear witness 19. divers/diverse 20. bouillonnement/effervescence 21. KOLERLEY toutes sortes de/all sorts of 22. SIMKHE 23. KHURBN Shoah 24. HAKL-BAKL *lit.* pêle-mêle, pot-pourri/all in one 25. poupées, marionnettes/dolls, puppets

נאָך אַן אייגנאַרטיקע[26] אונטערנעמונג איז געווען אַ סעריע בילדער פֿון דעם קינסטלער סאַם רינגער געוויזן אין פֿאָרעם פֿון אַ כּישוף־לאַמטערן[27] וואָס אילוסטרירט איינע פֿון שלום־עליכמס כּתרילעווקער מעשׂיות[28], רעציטירט פֿון דעם אַקטיאָר רפֿאל[29] גאָלדוואַסער.

## ...און אַ פֿילם־פֿעסטיוואַל

אַ וויכטיקע טייל פֿון דער פּראָגראַם איז געווען אַ פֿעסטיוואַל פֿון 18 פֿילמען, דאָקומענטאַרן און פֿיקציע, פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און תּקופֿות[30]. מע האָט אַוודאי געקענט זען קלאַסישע פֿילמען ווי *דער דיבוק*[31], *ייִדל מיטן פֿידל* אָדער *דער דזשאַז זינגער*, אָבער אויך נײַערע וואָס ווײַזן דעם אינטערעס פֿון די נאָכ-מלחמהדיקע דורות[32] פֿאַרן ייִדישן לעבן, ווי *העסטער סטריט* און *איך איוואַן דו אַבֿרהם*. מע האָט געוויזן פֿילמען וועגן אַזעלכע באַרימטע מוזיקערס ווי יצחק פּערלמאַן, גיאָראַ פֿיידמאַן און די עפּשטיין ברידער, אַן אינטערעסאַנטן היסטאָרישן דאָקומענטאַר *די רעוואָלוציאָנערן פֿון ייִדישלאַנד* און איינעם פֿון די זעלטענע[33] פֿילמען געדרייט אין ייִדיש גלײַך נאָך דער מלחמה, *לאַנג איז דער וועג*.

אַ גאָר וויכטיק געשעעניש פֿאַר אַלע ייִדיש־רעדערס איז געווען אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע *בײַ דער ייִדיש־אַרבעט, הײַנט*, וווּ מע האָט גערעדט דער עיקר[34] אויף ייִדיש, מיט געסט פֿאַרבעטענע פֿון אַ סך לענדער.

26. originale/distinctive 27. KISHEF… lanterne magique/magic lantern 28. SHOLEM ALEYKHEMS KASRILEVKER MAYSES 29. REFOEL Raphael 30. TKUFES époques/epochs 31. DIBEK dibouk/dybbuk 32. NOKHMILKHOMEDIKE DOYRES générations d'après-guerre/postwar generations 33.rares/rare 34. … IKER principalement/mainly.

[אינטערנאַציאָנאַלער סימפּאָזיום „בײַ דער ייִדיש־אַרבעט, הײַנט“]

# צאינה וראינה[1] !

קומט און זעט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ובפֿרט[2] אויף דער ייִדישוועלט ! אַזוי האָט זיך געוואָלט אויסרופֿן במשך[3] פֿון דעם סימפּאָזיום וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿון 4טן ביז 6טן יוני, אין דער גרויסער אודיטאָריע פֿונעם פּאַריזער מוזיי פֿאַר ייִדישער קונסט און געשיכטע. דריטהאַלבן טאָג[4], ווען מע האָט זיך געפּראַוועט[5] מיט ייִדיש־אַרבעט און ־לעבן הײַנט און זיך געקענט צוהערן צו גאָר אינטערעסאַנטע און פֿאַרשיידנמיניקע רעפֿעראַטן.

די אָנטיילנעמער זענען געקומען פֿון אַמעריקע, ישׂראל, מערבֿ־ און מיזרח־אייראָפּע (ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, עסטרײַך, רוסלאַנד, ליטע, מאָלדאַוויע – און אַוודאי פֿראַנקרײַך). אַ סימן[6], אַז די ייִדיש־אַרבעט איז הײַנט ניט באַגרענעצט צו איין גרויסן צענטער, נאָר ברייט פֿאַרצווײַגט.

אין קעגנטייל[7] צו אַ סך אַנדערע סימפּאָזיומס, האָט מען דאָס מאָל ניט אויסגעאַרבעט קיין מאַניפֿעסטן, ניט גערעדט וועגן דעם גורל[8] פֿון ייִדיש און איר באַלדיקן אונטערגאַנג, און אַפֿילו ניט דערמאָנט איר גלאָררײַכע[9] פֿאַרגאַנגענהייט – מע האָט דיסקוטירט וועגן דעם, וואָס מע טוט הײַנט, און יעדער רעפֿערענט האָט זיך געטיילט[10] מיט זײַנע אייגענע דערפֿאַרונגען.

דער סימפּאָזיום האָט באַהאַנדלט עטלעכע הויפּטטעמעס : ייִדיש־פֿאָרשונג, דערציִונג (וועלטלעכע און רעליגיעזע, פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע), דאָס הײַנטצײַטיקע שאַפֿן אויף ייִדיש (ווי אויך איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן), די מאַסן־מעדיומס און קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

איין וויכטיקע טעמע איז אויך געווען ייִדישע אינסטיטוציעס. אַחוץ באַקאַנטע ייִדיש־צענטערס, ווי ייִוואָ אין ניו־יאָרק, צי די מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז (וועגן זיי האָבן באַריכט דוד פֿישמאַן און זשיל ראָזיע), האָט מען אויך גערעדט וועגן דעם נײַעם צענטער פֿאַר ייִדישע קולטורן אין שטראַסבורג (פֿאָרגעשטעלט פֿון נאָרבער ענגעל) און וועגן דעם ווידערוווּקס[11] פֿון ייִדיש אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס וועגן אים האָט גערעדט אַנדריי ברעדשטיין פֿון מאָסקווע.

## ווי לערנט מען ייִדיש איבער דער גאַנצער וועלט ?

אַן אַנדער מין „אינסטיטוציע“ שטעלן מיט זיך פֿאָר די ייִדיש־זומערקורסן און זומער־פּראָגראַמען, פֿאָרגעשטעלט דורך דובֿ־בער קערלער פֿון אָקספֿאָרד און בנימין שעכטער, דעם קאָאָרדינאַטאָר פֿון דער ייִדישוואָך וואָס קומט פֿאָר אַלע יאָר אין ניו־יאָרק. דאָס ייִדיש־לערנען פֿון אַ גאַנץ יאָר איז געווען די טעמע פֿון עטלעכע רעפֿעראַטן, וואָס אַ דאַנק זיי האָט מען געקענט זיך אָפּגעבן אַ חשבון[12] וועגן די ספּעציפֿישקייטן פֿון יעדן לאַנד און בילדונגס־סיסטעם. יצחק ניבאָרסקי און נאַדיאַ דעהאַן־ראָטשילד האָבן פֿאַרטראָטן[13] פֿראַנקרײַך, שמעון נויבערג – דײַטשלאַנד, מרים אײַזאַקס (וואָס האָט גערעדט וועגן איבערגעבן ייִדיש אין דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער סבֿיבֿה[14]) – די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דבֿורה קאָסמאַן און זשאַן באָמגאַרטען – ישׂראל.


דער הויף פֿון מוזיי פֿאַר ייִדישער קונסט און געשיכטע

מע האָט זיך אַוודאי אָפּגעשטעלט אויף דער וויכטיקער ראָלע פֿון די מאַסן־מעדיומס אינעם פֿאַרשפּרייטן ייִדיש און ייִדישע קולטור. באָריס סאַנדלער, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס“, האָט גערעדט וועגן דער דאָזיקער באַרימטער ניו־יאָרקער צײַטונג, און

[סוף זײַט 5]

1. TSENE-URENE *lit*. Sortez et voyez (Cantiques des Cantiques 3,11)/Come out and see (Song of Songs 3,11) 2. UBIFRAT et en particulier/and in particular 3. BEMESHEKH pendant/during 4. deux jours et demi/two and a half days 5. *ici* célébrait/*here* celebrated 6. ...SIMEN signe, preuve/sign, proof 7. contrairement à/unlike 8. GOYRL destin/fate 9. glorieux/glorious 10. a partagé/shared 11. renaissance/rebirth 12. ...KHEZHBM se rendre compte/become aware of 13. représenté/represented 14. SVIVE milieu

# שׂרה די מאַריאָנעטיסטקע

במשך[1] פֿון אַ פּאָר חדשים[2] איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז אַ ייִדישער סעזאָן מיט קאָנצערטן, צוניפֿטרעפֿן, אויסשטעלונגען. איינע פֿון די אויסשטעלונגען פֿונעם מוזיי איז געווידמעט געוואָרן דעם ייִדישן מאַריאָנעטן־טעאַטער *הכּל־בכּל*[3] וואָס שׂימחה[4] שוואַרץ, אַ שרײַבער, קינסטלער און טעאַטער־מענטש, האָט געשאַפֿן אין פּאַריז אין 1948. מיר האָבן געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגעס שׂרה[5] ליכטשטיין־מאָנטאַר, וואָס האָט געשפּילט אין דער טרופּע.



**די ליאַלקעס פֿון הכּל־בכּל**

*ווי אַזוי האָט איר זיך געטראָפֿן מיט שׂימחה שוואַרצן און ווי אַזוי האָט איר באַשטימט זיך צו באַטייליקן אינעם פּראָיעקט?*

דאָס איז געווען אין פּאַריז נאָך דער מלחמה[6]. מײַן טאַטע איז געווען אַ שרײַבער, אַ דיכטער און אַ זשורנאַליסט: משה חיים[7] ליכטשטיין האָט ער געהייסן. ער האָט געהערט אַז שׂימחה שוואַרץ זוכט יונגע מענטשן צו שפּילן אויף ייִדיש אין זײַן מאַריאָנעטן־טעאַטער. מײַן טאַטע האָט מיר געהאַט געלערנט ייִדיש און איך בין געווען איינע פֿון די זעלטענע צווישן די יונגע לײַט וואָס האָט געקענט לייענען און שרײַבן. איך און מײַן טאַטע זענען געגאַנגען צו שׂימחה שוואַרצן. ער האָט מיר געגעבן אַ טעקסט צו לייענען אויף ייִדיש, האָט פּראָבירט מײַן שטימע און געזאָגט: „ס'איז גוט, די שטימע איז גוט". דעמאָלט בין איך אַלט געווען 20 יאָר און איך בין געווען אַ סטודענטקע. אָט די אַרבעט האָט מיך זייער פֿאַראינטערעסירט און ס'איז אויכעט געווען אַ שטיקל פּרנסה[8]. מ'האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין אָקטאָבער 1948, דאָס הייסט: שׂימחה שוואַרץ, זײַן ווײַב רות[9], בנימין[10] לעווין, נאָך אַן אַנדער מיידל און איך. אויף די פֿאָרשטעלונגען האָט מען אַלץ צוגעגרייט אַליין: די ליאַלקעס, די דעקאָראַציעס, די מוזיק ... די קעפּ פֿון די ליאַלקעס האָט שׂימחה שוואַרץ געמאַכט פֿון „פּאַפּיע מאַשע", דאָס הייסט פֿון פּאַפּיר אײַנגעטונקען אין וואַסער מיט קליי[11] און דערנאָך האָט ער זיי אָפּגעפֿאַרבט. מ'האָט אויך גענייט די קליידער פֿון די ליאַלקעס, אויפֿגעבויט די גאַנצע בינע[12], באַלויכטן מיט פֿאַרביקע פּראָיעקטאָרן. רות שוואַרץ האָט קאָמפּאָנירט די מוזיק און די פּיאַניסטקע העלען באַסקי האָט זי געשפּילט. איין אָוונט האָט מען געשפּילט ספּעציעל פֿאַר דער ייִדישער און דער פֿראַנצייזישער פּרעסע און מיר האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן דערפֿאָלג[13].

*וואָס פֿאַר אַ פּיעסעס האָט איר געשפּילט?*

אַ טייל פֿון די פּיעסעס האָט שׂימחה שוואַרץ אָנגעשריבן אַליין ווי למשל[14] „אַ ייִדישע חתונה[15]", „דוד און גלית[16]", אָבער אַנדערע זענען באַאַרבעטונגען, ווי צום בײַשפּיל „באָנטשע שווײַג" פֿון פּרץ אָדער „דער פּריץ[17] מיט די וואָנצעס" לויט איציק מאַנגער.

*ווי איז געווען די אינסצעניזאַציע[18]?*

אין אָנהייב האָט מען נישט געהאַט קיין סך דעקאָראַציעס אָבער ווען שׂימחה שוואַרץ האָט באַשטימט צו שטעלן די פּיעסע „דוד און גלית" האָט ער געמאַכט דעם קאָפּ פֿון דוד לויט דעם פּנים פֿון איציק מאַנגער. איציק מאַנגער איז טאַקע געקומען פֿון לאָנדאָן אויף דער



**פֿון רעכטס צו לינקס: בנימים לעווין, שׂרה ליכטשטיין, רות און שׂימחה שוואַרץ, העלען באַסקי**

פֿאָרשטעלונג און ס'איז אים זייער געפֿעלן זיך צו זען אין געשטאַלט פֿון אַ מאַריאָנעט. עס זענען אויך געקומען אַנדערע באַקאַנטע מענטשן ווי דער פּיאַניסט אַרטור רובינשטיין און מאַרק שאַגאַל. שאַגאַל האָט געוואָלט שאַפֿן דעקאָראַציעס פֿאַר דעם טעאַטער, האָט שׂימחה שוואַרץ באַשלאָסן צו אַדאַפּטירן דאָס בוך פֿון בעלאַ שאַגאַל „ברענענדיקע ליכט". שאַגאַל האָט אַלץ געצייכנט: אַ שטעטל מיט די קרומע הײַזלעך, מיט דער שול, אַ גרויסן זייגער און אַ ציגעלע אויך. מ'האָט געשפּילט דרײַ זאַכן נאָך אַנאַנד: „דוד און גלית", נאָך דעם אַ מין צווישנשפּיל לויט אַ ליד „די תּאווה[19]" און דערנאָך „ברענענדיקע ליכט". דאָס איז געווען אַ ספּעקטאַקל מיט אַ סך לידער און

1. bemeshekh pendant/during 2. khadoshim mois/months 3. hakl-bakl *lit.* pêle-mêle, pot-pourri/all in one 4. simkhe 5. sore 6. milkhome guerre/war 7. moyshe khaim 8. parnose gagne-pain/subsistence 9. rus 10. benyomen 11. colle/glue 12. scène/stage 13. succès/success 14. lemoshl צום בײַשפּיל 15. khasene mariage/wedding 16. dovid un golyes 17. porets gros propriétaire terrien/landowner 18. mise en scène/staging 19. tayve passion

[סוף פֿון זײַט 3]

יאָסיף ווײַסמאַן האָט באַריכט וועגן „מענדעלע“ – דעם שמועספּלאַץ[15] אויפֿן אינטערנעץ וואָס ער קאָאָרדינירט שוין אַ פּאָר יאָר.

## אַ נאָכמיטאָג געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור

אַ שטאַרקער מאָמענט בשעת דעם סימפּאָזיום איז געווען דער נאָכמיטאָג געווידמעט די הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער, מיט רעפֿעראַטן פֿונעם פּראָזאַיִקער הירשע־דוד קאַץ און די פּאָעטן לעוו בערינסקי און משה לעמסטער. אין אָוונט האָבן די צוויי לעצטע רעציטירט זייערע לידער אין ייִדיש, און בתיה בוים האָט איבערגעלייענט אירע איבערזעצונגען אויף פֿראַנצייזיש. דעם זעלביקן טאָג האָט אויך די פּראָפֿעסאָרין און איבערזעצערין רחל ערטעל גערעדט וועגן איבערזעצן פֿון ייִדיש אויף פֿראַנצייזיש. די טעמע פֿון איבערזעצונגען פֿון ייִדיש איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן דורך אַרמין אײַדהער פֿון זאַלצבורג (עסטרײַך).

מיט מוזיק האָט מען די צוהערער מכבד געווען[16] אַן אַנדער טאָג, ווען זשאַק גראָבער האָט גערעדט וועגן זײַנע ייִדישע און ייִדיש־פֿראַנצייזישע זינגלידער, און דעטלעף הוטשענרויטער, דער אָנפֿירער פֿונעם „ראָקטעאַטער“ פֿון דרעזדן, האָט געשפּילט אויפֿן קלאַרינעט.

אַזוי אַרום זענען זיך אויף דעם סימפּאָזיום צונויפֿגעקומען עטלעכע באַזונדערע וועלטן – פֿאָרשער און שרײַבער, לערער און קינסטלער, פֿרומע און וועלטלעכע, ייִדן און ניט־ייִדן ; אַ סימן אַז ייִדישקייט נעמט אַרײַן אין זיך גאָר אַ סך סתּירותדיקע[17] שטריכן און אויך אַז אַ באַזונדערע קולטור קען שאַפֿן אַן אָרט פֿאַר אוניווערסאַליזם.

15. forum de discussion/chat site 16. MEKhABED… régalé/treated 17. STIRESDIKE contradictoires/contradictory.

## אַ סך הכּל[1] פֿון דעם ייִדיש־סעזאָן

„דער סעזאָן האָט געהאַט זייער אַ גוטן אָפּקלאַנג[2] – זאָגט איזאַבעל ראָזענבוימאַס, אַ מיטאַרבעטערין פֿון דער מוזיי־ביבליאָטעק – און האָט צוגעצויגן אַ ברייטן פּובליקום. עס זענען געקומען 32 600 מענטשן, יונגע און עלטערע (אָפֿט מאָל גאַנצע פֿאַמיליעס צוזאַמען). כּלי־זמר[3]־מוזיק און די פּאָסטקאַרטלעך האָבן געהאַט אַ ספּעציעל גרויסן דערפֿאָלג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג[4] צו הערן און צו רעדן ייִדיש, צו וויסן וועגן דעם ייִדישן לעבן פֿון אַמאָל, אַ פֿאַרלאַנג אַז די קולטור זאָל ניט פֿאַרלאָרן ווערן. און צו זען דאָס אַלץ פֿאָרגעשטעלט אין מוזיי האָט צוגעגעבן עפּעס אַ לעגיטימקייט צו אָט דעם פֿאַרלאַנג. פֿון מײַן פּערזענלעכן קוקווינקל[5] איז געווען אַ מחיה[6] צו הערן ייִדיש אין מוזיי, צו לעבן אַ פּאָר חדשים[7] אין אַ מין ייִדישלאַנד. און קיינער פֿון די באַזוכערס האָט אונדז ניט פֿאָרגעוואָרפֿן[8] אַז מיר זענען צו אַשכּנזיש[9].“

1. SAKhAKL bilan, résumé/assessment, summary 2. écho 3. KLEZMER 4. désir/desire 5. point de vue/viewpoint 6. MEKhAYE plaisir/pleasure 7. KhADOSHIM mois/months *sing*. KHOYDESh 8. reproché/reproached 9. ASHKENAZISh.

[סוף פֿון זײַט 4]

פֿאַרשווינען אָן אַ שיעור[20], און דער עולם האָט עס זייער ליב געהאַט.

*ווי אָפֿט האָט איר געשפּילט, און ווי לאַנג האָט געדויערט די אַוואַנטורע ?*

מיר פֿלעגן שפּילן שבת אין אָוונט און זונטיק צוויי מאָל און ס'האָט געדויערט פֿון 1948 ביז 1950. איך געדענק אַז לכּבֿוד[21] דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל[22] האָבן מיר געשפּילט אינעם ריזיקן[23] טעאַטער „פּאַלע דע שאַיאָ“. אויף דער פֿאָרשטעלונג זענען געקומען דער מימיק־קינסטלער מאַרסעל מאַרסאָ, דער שרײַבער אַראַגאָן און זײַן ווײַב עלזאַ טריאָלע, סימאָן סיניאָרע און איוו מאָנטאַן, די ברידער פּרעווער, פּיער דער רעזשיסאָר און זשאַק דער דיכטער. נאָך די פֿאָרשטעלונגען אין פּאַריז זענען מיר אַרומגעפֿאָרן איבער גאַנץ פֿראַנקרײַך און אויך אין בעלגיע. שפּעטער זענען רות און שׂמחה שוואַרץ אַוועקגעפֿאָרן קיין ישׂראל און דערנאָך האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַרגענטינע. זיי האָבן מיטגענומען די ליאַלקעס און דאָרטן ווײַטער געשפּילט. רות שוואַרץ האָט זיי סוף־כּל־סוף[24] געשענקט דעם מוזיי פֿון דער ייִדישער ירושה[25] אין ניו־יאָרק.



שׂרה מאָנטאַר (געבוירן ליכטשטיין) בײַ דער אויסשטעלונג

20. ON A ShIER *lit*. sans limite, *ici* : beaucoup/without limit, *here* : a lot 21. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 22. MEDINES YISROEL Etat d'Israël/State of Israel 23. immense/huge 24. SOFKL-SOF finalement/finally 25. YERUShE héritage ; Museum of Jewish Heritage.

*לעצטן זומער איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז דער דריטער זומערקורס פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. אין די ראַמען פֿון אַן אינטענסיוון שרײַבוואַרשטאַט האָבן די אַוואַנסירטע סטודענטן אָנגעשריבן אַ סך גאָר אינטערעסאַנטע טעקסטן וואָס מיר וועלן דרוקן אין די קומענדיקע נומערן. דעם ערשטן טעקסט, וואָס מיר דרוקן דאָ האָט לוסעט פּילצער־זיסקינד געשריבן אין נאָמען פֿון איר באָבען, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ אין אַנטווערפּן אין 1942 און אומגעברענגט געוואָרן.*

# אַ לעבן ?

איך בין געבוירן געוואָרן אַרום 1867 אין אַ שטעטל אין דרום־מערבֿ[1] גאַליציע[2]. גענוי ווייס איך נישט ווען : איך צעמיש זיך מיט דעם גויִישן קאַלענדאַר, און אין דער משפּחה האָט מען נישט געפּײַערט ווײַבערשע געבוירן־טעג. דער טאַטע, אַ גבֿירישער סוחר[3], האָט פֿאַרמאָגט עטלעכע הײַזער. איך האָב זיך געלערנט בײַ דער מאַמען אַלץ וואָס אַ פֿרוי דאַרף וויסן. אין סידור[4] לייענען קען איך אויך.

דער חתן[5] וואָס דער טאַטע האָט אויסגעקליבן פֿאַר מיר איז געווען אַ פֿרומער אומעטיקער יונגער־מאַן. נאַטירלעך האָט ער ערשט געוואָלט זיצן אויף קעסט[6]. אָבער דער טאַטע האָט געזאָרגט אַז געלט זאָל אַרײַנקומען. האָט ער געקויפֿט פֿאַר אונדז אַ שענק[7] אין ביעלאַני, אַ פֿאָרשטאָט פֿון קראָקע[8], אויפֿן וועג קיין אָשוויענטשים[9]. דאָרטן איז אויך געווען ווי אַן אָפּצאָל־פֿאָרטקע[10], ווּ מענטשן האָבן געדאַרפֿט באַצאָלן כּדי אַדורכצופֿאָרן. יאָרן לאַנג האָב איך אַזוי אײַנקאַסירט בײַ יעדן בעל־עגלה[11], באַדינט קונים[12] אין שענק, געקאָכט, געוואַשן, געהאַלטן הינער און גענדז, געהאָדעוועט[13] אַכט קינדער אאַ״וו. דערווײַל האָט דער מאַן געלערנט, אָדער געכאַפּט אַ שמועס מיט אַנדערע פֿײַנע ייִדן. אפֿשר איז ער אַ מאָל געגאַנגען ברענגען עפּעס דעם גויִישן שכן[14]. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געמישט אין דעם געשעפֿט. אונדזערע ייִנגלעך זײַנען געגאַנגען אין חדר[15], די מיידלעך אָבער האָבן זיך בלויז געלערנט לייענען און אַ ביסל רעכענען. אַלע קינדער האָבן מורא געהאַט[16] פֿאַרן טאַטן ווײַל ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו זיי, און אַלע מאָל האָט ער זיי געסטראַשעט[17] מיט שטראָפֿן. ווען איך בין געווען 42 יאָר אַלט האָב איך געהאַט דאָס לעצטע קינד, אין דער זעלבער צײַט ווי די עלטסטע טאָכטער איר ערשטס. דאָס האָט מיר זייער געפֿרייט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה[18] זײַנען די זין אַוועקגעפֿאָרן קיין אַנטווערפּן זיך צו לערנען אַ מלאָכה[19]. זיי האָבן געשריבן בריוו אַז ס'איז דאָרטן בעסער פֿאַר ייִדן. דערווײַל איז געווען אין פּוילן אַ דוחק[20] אין אַלע סחורות[21]. אין אַ שיינעם טאָג האָט דער מאַן מיר געזאָגט אַז ער האָט געקויפֿט אַ גאַנצן וואַגאָן שיך און נאָך איידער ער דאַרף די סחורה באַצאָלן וועט ער זיי האָבן פֿאַרקויפֿט. סײַ ווי סײַ האָט ער זיך געבאָרגט[22] אויף דער שענק, דער אָפּצאָל־פֿאָרטקע... אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען עס האָט גערעגנט, איז מען געוווּיר געוואָרן[23] אַז די שיך זײַנען קאַרטאָנענע. אַזוי האָבן מיר אַלץ פֿאַרלוירן. ביז 1923 זײַנען מיר שיִער נישט[24] געשטאָרבן פֿאַר הונגער.



**אַ שטעטל אין פוילן**

די זין האָבן אונדז אַראָפּגעברענגט קיין בעלגיע מיט די ניט־אויסגעגעבענע[25] קינדער. די אַנדערע קינדער זײַנען געבליבן אין פּוילן מיט זייערע משפּחות. הײַנט צו טאָג הער איך שוין גאָרנישט פֿון זיי.

זינט דער מאַן איז מיר געשטאָרבן אין 1936 וווין איך מיט דער טאָכטער שׂרה. איך האָב נישט קיין אייגענעם צימער און שלאָף אויף אַ סאָפֿע אין קאָרידאָר. דער איידעם[26] פֿלעגט נישט רעדן קיין צוויי ווערטער צו מיר. איצט איז ער ערגעץ אַוועק אין פֿראַנקרײַך ווּ ער אַרבעט פֿאַר די דײַטשן. די טאָכטער זאָגט אַז מיר קענען שוין נישט בלײַבן אין דער דירה, מע וועט דאַרפֿן זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם[27]. ווי קען אַן אַלטער מענטש ווי איך שלאָפֿן אויף דער ערד און קיין מאָל נישט אַרויסגיין פֿון שטוב ? נו, דער רבונו־של־עולם[28] וועט שוין זאָרגן.

*אַנטווערפּן, אויגוסט 1942*

1. DOREM-MAYREV sud-ouest/south-west 2. Galicie : la partie sud-est de la Pologne qui appartenait à l'Empire austro-hongrois de 1772 à 1918/Galicia: the southwestern part of Poland that was part of the Austro-Hungarian Empire from 1772 to 1918 3. GVIRISHER SOYKHER riche négociant/wealthy merchant 4. SIDER livre de prières quotidiennes/daily prayer book 5. KHOSN fiancé 6. prise en charge du gendre par ses beaux-parents pour qu'il puisse continuer ses études religieuses/room and board offered by a family to its new son-in-law to enable him to continue his (religious) studies 7. auberge/tavern 8. Cracovie/Cracow 9. דער פּוילישער נאָמען פֿונעם שטעטל אָשפּיצין, ווּ עס האָט זיך שפּעטער געפֿונען דער לאַגער אוישוויץ 10. octroi/tollgate 11. BALEGOLE cocher/coachman 12. KOYNIM clients/customers 13. élevais (des enfants)/raised (children) 14. SHOKHN voisin/neighbor 15. KHEYDER école religieuse traditionnelle/traditional religious school 16. MOYRE ... avaient peur/were afraid 17. menaçait/threatened 18. MILKHOME guerre/war 19. MELOKHE métier/trade 20. DOYKHEK pénurie/shortage 21. SKHOYRES marchandises/wares 22. emprunté/borrowed 23. nous avons appris/we realized, became aware 24. nous avons failli/almost 25. non mariés/unmarried 26. gendre/son-in-law 27. grenier/garret 28. REBOYNE-SHEL-OYLEM Maître de l'Univers (Dieu)/Master of the Universe (God).

## [לייענערס רופֿן זיך אָפּ[1]....]

### אונדזער לעצטער נומער געווידמעט אייראָפּע האָט אַרויסגערופֿן עטלעכע קאָמענטאַרן פֿון די לייענערס. מיר דרוקן דאָ אָפּ אַן אַרטיקל פֿון שמעון נויבערג (טרירער אוניווערסיטעט) וועגן ייִדיש ווי אַ טייל פֿון דער אייראָפּעיִשער ירושה[2].

# אייראָפּעיִש – ייִדיש




*דער ייִדישער טעם־טעם* רעדט וועגן אייראָפּע ? אפֿשר ווײַל ייִדיש איז דאָך אַ סינטעז פֿון עטלעכע אייראָפּעיִשע שפּראַך־פֿאַמיליעס : עס האָט אָפּגעהיט אַלטע ראָמאַנישע ווערטער וואָס די ערשטע אַשכּנזים[3] האָבן געברענגט מיט זיך פֿון פֿראַנקרײַך און איטאַליע, ס'האָט זיך געפֿורעמט אין די דײַטשישע קאַנטן[4] אויפֿן יסוד[5] פֿון גערמאַנישע דיאַלעקטן, ס'האָט זיך ווײַטער גערוקט קיין מיזרח און צוגענומען אָן אַ שיעור[6] סלאַווישע שטריכן[7] – און דערבײַ[8] געניסט עס כּסדר פֿון די ברייטע קוואַלן פֿון „אינטערנאַציאָנאַליזמען" וואָס מע רופֿט זיי גענויער „אייראָ־לאַטײַן". אין דעם „אייראָ־לאַטײַן" איז פֿאַראַן אַ היפּש ביסל[9] גריכיש אויך...

... אָדער אפֿשר מיינט איר, ייִדיש איז „אייראָפּעיִש" צוליב זײַן היסטאָריש־געאָגראַפֿישער פֿאַרשפּרייטונג איבער דעם גרעסטן טייל אייראָפּע – אַ געביט וואָס נעמט אַרײַן פֿון עלזאַס[10] ביז אוקראַיִנע, פֿון עסטלאַנד[11] ביז צפֿון־איטאַליע... און ווײַל די שפּראַך האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט, ווו נאָר אַן אייראָפּעער האָט געשטעלט אַ פֿוס ?

... און אפֿשר מיינט איר גאָר, ווײַל אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער האָט ייִדיש גיך־גיך אײַנגעזאַפּט[12] די מאָדערנע קולטור פֿון גאַנץ אייראָפּע און פֿון גאָר פֿאַרשיידענע צײַטן, שאַפֿנדיק פֿון דעם ווי אין אַ שמעלצאויוון[13] אַ פֿילקאָליריקן צונויפֿשמעלץ ווו עס קומען זיך צונויף אַלע טראַדיציעס פֿון אַ קאָנטינענט ?

דאָס איז אָבער אפֿשר נישט דער עיקר[14] ! די טעריטאָריע פֿון ייִדיש איז דאָך נישט קיין האָמאָגענער

[סוף זײַט 8]

1. les lecteurs réagissent/readers react 2. YERUSHE héritage 3. ASHKENAZIM 4. contrées/districts 5. YESOD base/basis 6. … SHIER inombrables/countless 7. traits/features 8. en même temps, tout en …/at the same time, while … 9. pas mal de/quite a bit of 10. Alsace 11. Estonie/Estonia 12. s'est imprégné de/absorbed 13. fourneau, creuset/melting-pot 14. DER IKER l'essentiel/the main thing



---

### אויף אונדזער אַרטיקל וועגן איבערזעצונג האָט זיך אָפּגערופֿן מאָריס גלאַזמאַן, איינער פֿון דער גרופּע וואָס האַלט אין איבערזעצן אויף ייִדיש ראָבערט באָבערס ראָמאַן „וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה ?".

לאַנגע צײַטן, היסטאָריש גענומען, האָט מאַמע־לשון געהייסן „טײַטש". איז פֿאַר אונדז פֿינף (געוועזענע תּלמידים פֿון ייִדישקורסן) גאַנץ פֿאַרשטענדלעך געווען אַז אויב מע וויל „טײַטשן" דאַרף עס זײַן אויף ייִדיש. און פֿאַרוואָס־זשע טײַטשן ? ערשטנס, איז עס פֿאַר אונדז געווען אַ פֿאַרמעסט[1]. סע פֿעלן אויס אַ סך מכשירים[2] וואָס אַנדערע לשונות[3] פֿאַרמאָגן : ענציקלאָפּעדיעס, לײַטישע ווערטערביכער... און אונדזער ניוואָ איז קיין דערהויבענער אויך נישט. מוזן מיר, אַיעדער פֿאַר זיך, גיין, אַרומזוכן, אויספֿרעגן, דערמאָנען זיך ווי אַזוי מע פֿלעגט רעדן אין דער היים. וואָסערע ווערטער, ווערטלעך, אויסדרוקן האָבן באַניצט די בני־בית[4], און דערנאָך זיך דורכשמועסן מיט די שותּפֿים[5]. אַן אמתע פּסיכאָאַנאַליז אָדער, בעסער געזאָגט, אַן אָפּגעבן כּבֿוד[6] אונדזערע ליבע עלטערן.

צווייטנס, ס'איז אונדז געווען וויכטיק צו ווײַזן אונדזערע איבערגעגעבענע[7] לערערס אַז זייער טירחה[8] איז נישט געווען אומזיסט. און אַוודאי ווײַל ייִדיש איז אונדז טײַער און טײַטשן איז געוואָרן ליידער זעלטן און מיר האָפֿן אַז אַנדערע וועלן זיך אונטערנעמען, אפֿשר מיט אַ גרעסערן מזל, אונדז נאָכצויאָגן און איבערצויאָגן[9].

1. défi/challenge 2. MAKHSHIRIM outils/tools 3. LESHOYNES langues/languages 4. BNEY-BAYES membres de la famille/family members 5. SHUTFIM associés, co-équipiers/partners, group members 6. … KOVED une façon de rendre honneur à/a way of honoring 7. dévoués/devoted 8. TIRKHE effort/pains 9. dépasser/exceed.

[סוף פֿון זײַט 7]

טעפּעך[15], ס׳איז אַ נעץ פֿון קנופּן[16] מיט דינע פֿאַרבינדונגען – און מיט בלויזן. אַנדערש וואָלט מען געקענט באַשרײַבן צום בײַשפּיל די טעריטאָריע ווו מע רעדט פֿראַנצייזיש, ענגליש אָדער דײַטש. אַפֿילו די ליטעראַטור האָט דורכגעלאָזט[17] אַ פּאָר זשאַנערס וואָס מע וואָלט געקענט פֿאַררעכענען[18] ווי בלויזן אין איר אייראָפּעיִשער ירושה. און אַז די שפּראַך פֿאַרמאָגט אַן אָפּקלײַב פֿון אייראָפּעיִשע מאַטעריאַלן, נישט קיין בריק־אַ־בראַק פֿון אַלע רויוואַרג־שפּראַכן[19] – ווער וועט דאָס נישט אָננעמען[20] ? מיט דעם זענען ייִדיש און די ייִדישע ליטעראַטור אַ מין אייראָפּעיִשער קאַליידאָסקאָפּ, אַיאָ ?

באָר וואָס ? אמת, זינט דעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער שפּראַך זענען אירע רעדערס געווען אייראָפּעער – און זיי זענען געבליבן אין אייראָפּע במשך פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. זיי האָבן זיך געלעבט און צערעדט אָט־אָ־דאָ – און פֿאָרט זענען זיי דערבײַ אויך געווען אָפּגעזונדערט פֿון דעם רובֿ[21] פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון די וויכטיקסטע היסטאָרישע פּאַסירונגען אין דער אייראָפּעיִשער געשיכטע... ווײַטער[22] זענען זיי געווען רעדערס פֿון ייִדיש אָבער נישט בלויז פֿון ייִדיש ! די אַשכּנזישע געזעלשאַפֿט כאַראַקטעריזירט זיך מיט איר מערשפּראַכיקייט. דאָס הייסט אַז נישט געפֿאַנגען[23] אין איין אייראָפּעיִשער שפּראַך נאָר אַלע מאָל פֿעיִק[24] אויך צו קוקן פֿון דרויסן אויף אַן אייראָפּעיִשער קולטור – מיט אַ דיסטאַנץ, צי אַ קריטישער, צי אַ באַוווּנדערנדיקער... אַבי פֿון דער ווײַטנס ! פֿון דעם באַקומט זיך אַז ייִדיש און ייִדיש־רעדערס אין אייראָפּע זענען געווען אי אינעווייניק אי דרויסנדיק, אַלע מאָל געשטאַנען – כאָטש אין מיטן קאָנטינענט – אויף דעם גרענעץ פֿון דער אייראָפּעיִשער וועלט... אײַנגעזאַפּט דאָס, דורכגעלאָזט יענץ.

און דאָס שטודירן די געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך און פֿון דער ייִדישער קולטור קען אונדז זײַן אַ פּראַקטיק קוקווינקל[25] אויף אייראָפּע, ווײַל אייראָפּע שפּיגלט זיך דאָ אָפּ אין אַ גרופּע וואָס ווערט פֿון איר באַווירקט[26] אָבער וואָס זי בלײַבט ספּעציפֿיש און אַנדערש. פֿון דעם אינעווייניק־דרויסנדיקן אָרט זעט מען אַ סך בולטער[27] וואָס עס טוט זיך אַרום און אַרום !

15. tapis/carpet 16. nœuds/knots 17. omis/omitted 18. considérer/consider 19. composantes linguistiques/stock languages 20. accepter, être d'accord/agree 21. … ROV la majorité/the majority 22. en outre/furtheremore 23. emprisonné/imprisoned 24. capable 25. excellent point de vue/excellent viewpoint 26. influencé/influenced 27. BOYLETER plus clairement/more clearly.

## פֿון דער שטאָט נאַנסי האָט סימאָן ווײַסמאַן אונדז צוגעשיקט אַ קאַפּיטעלע דערמאָנונגען פֿון אירע קינדער־יאָרן

# מאָדנע ווערטער[I]



ווער ס׳איז געוואָרן אויפֿגעצויגן אין אַ ייִדישער היים, אַפֿילו ער אַליין רעדט נישט קיין ייִדיש, קען זיך דערמאָנען עטלעכע מאָדנע ווערטער וואָס ער האָט געהערט פֿון דער מאַמען אָדער פֿון דער באָבען. למשל[2] „קעניינעהאָרע“ (קיין עין־הרע[3]). כ׳ווייס נישט וואָס מיט אײַך, אָבער מיר האָט זיך געדאַכט[4] אַז דאָס איז איין איינציק וואָרט וואָס בלויז ווײַבער ניצן כּדי[5] צו גראַטולירן איינע די אַנדערע :

„וואָס פֿאַר אַ שיין מיידל, קעניינעהאָרע“ !

„אײַער איניקל איז שוין אַזוי קלוג, קעניינעהאָרע“

נאָך אַ מאָדנע וואָרט „רעבוינעשעלוילעם“ (רבונו־של־עולם[6]). בײַ אונדז האָט דאָס באַטײַט „אוי וויי איז מיר“. צום בײַשפּיל : „רעבוינעשעלוילעם, ווי קומט צו מיר אַ קינד אַזאַ שלימזל[7] ?“ ווען דאָס קינד האָט געהאַט צעבראָכן אַ טעלער, אָדער אָפּגעווישט דאָס פֿליישיקע געפֿעס מיט אַ מילכיקן האַנטעך.

אַן אַנדער משל[8] : אַ „נעווײרע“ (אַן עבֿירה[9]) וואָס בײַ אונדז האָט געהייסן „אַרויסגעוואָרפֿן געלט“ :

„הונדערט פֿראַנק באַצאָלט פֿאַר אַזאַ שמאַטע ?! אַ נעווײרע !“ ערשט שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז דאָס וואָרט נעמט זיך פֿונעם העברעיִשן שורש[10] „ע בֿ ר“ (איבערגיין) און מיינט טאַקע אַ זינד, אַ חטא[11].

וועלכע מאָדנע ווערטער האָט איר געהערט אין דער היים ?

1. drôles de mots /peculiar words 2. LEMOSHL par exemple/for example 3. que le mauvais œil s'éloigne/no evil eye 4. il me semblait/it seemed to me 5. KEDEY afin de/in order to 6. Maître de l'Univers (Dieu)/Master of the Universe (God) 7. SHLIMAZL malchanceux, maladroit/unlucky, clumsy 8. MOSHL exemple/example 9. AVEYRE *lit.* péché/sin. *ici :* dommage, gaspillage/*here:* a shame, a waste 10. SHOYRESH racine/root 11. KHET péché/sin.

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
אַלכּסנדר, אַניק, בערטראַן, ברוניד, גאָלדע, הערשל, זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ, עוולין און רובי.

מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@yiddishweb.com

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03